# געשפּרעך מיט **אלכּסנדר פֿרענקל**

## פּעטערסבורג, רוסלאַנד.

דעם 23טן אַפּריל 2013

Entretien avec **Alexander Frenkel** (Saint-Pétersbourg, Russie), 24 avril 2013.
*Interview with* ***Alexander Frenkel*** *(Saint-Petersburg, Russia), April 23, 2013.*

*

**מ.ק. - שלום-עליכם אלכּסנדר !**

**Sholem-Aleykhem, Alexander !**

אַ.פּ. - עליכם-שלום !

Aleykhem-Sholem!

**מ.ק. - מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין 2006 אין פּעטערסבורג, אין רוסלאַנד. וואָס הערט זיך אין פּעטערסבורג זינט דער צײַט ?**

**MK- Nous nous sommes rencontrés en 2006 à Pétersbourg, en Russie. Comment ça va à Pétersbourg depuis lors ?**

***MK - We met in 2006 in Petersburg, Russia. How are you doing in Petersburg since then ?***

אפֿ – אַלצדינג איז נישקשהדיק... מיר אַרבעטן ווי געוויינלעך, אין אונדזער ייִדישן קהילה-צענטער. מיר אָרגאַניזירן אַ סך פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען, פֿאַרבונדן מיט ייִדיש, און ניט פֿאַרבונדן מיט ייִדיש... און אגבֿ אין צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר אָרגאַניזירן אַ לעקציע אויף ייִדיש פֿון אַ פֿאַרשער, שמואל בונים, פֿון ארץ-ישׂראל. און די טעמע וועט זײַן דער ייִדישער דער מזרח-אייראָפּעיִשער ייִשובֿ אין פֿראַנקרײַך צווישןביידע וועלט-מלחמות.

AF – Tout va plutôt bien. Nous travaillons comme à l'accoutumée, au sein de notre centre communautaire juif. Nous organisons un grand nombre d'activités de toutes sortes, en rapport avec le yiddish ou non... A ce propos, dans deux semaines aura lieu une conférence en yiddish tenue par un chercheur, Shmuel Bunim, venu d'Israël. Elle porte sur la communauté juive d'Europe de l'Est en France entre les deux guerres mondiales.

*AF - Everything goes rather well. We work as usual within our Jewish community centre. We organise many activities of all kinds, related to Yiddish or not related to... By the way, in two weeks we are going to host a conference in Yiddish by a researcher coming from Israel, Shmuel Bunim, with respect to the Jewish East-European community in France between the two World Wars.*

**מק – און וואָס פֿאַר אַנדערע אַקטיוויטעטן האָט איר דאָרט אינעם ייִדישן צענטער, אין דער ייִדישער קהילה ?**

**MK – Et quelles autres activités organisez-vous dans votre centre communautaire juif, dans votre communauté ?**

***MK – And what other activities do you organise in your Jewish community centre, in your***

***community ?***

אפֿ – אין אונדזער ייִדישן קהילה-צענטער האָבן מיר ערשטנס די ביבליאָטעק, זייער אַ גוטע ייִדישע ביבליאָטעק, מערסטנס אין רוסיש, פֿאַרשטייט זיך, אָבער אין ייִדיש און העברעיִש און ענגליש אויך, און מיר האָבן לעקציעס, מיר האָבן ווידיאָס, און מיר האָבן קאָנצערטן, און אַזוי ווײַטער. און מיר האָבן אויך אַ זונטיק-שול פֿאַר די קליינע קינדער אויך, און דאָס איז די איינציקע זונטיק-שול אינעם געוועזענעם ראטן-פֿאַרבאַנד, וואָס לערנט ייִדיש די קינדערלעך.

AF - Dans notre centre communautaire juif, nous avons en premier lieu notre bibliothèque, une très bonne bibliothèque juive, principalement en russe, évidemment, mais aussi en yiddish, en hébreu et en anglais, et nous avons des conférences, des projections de films, nous avons des concerts etc. Et nous avons également une école du dimanche pour les petits enfants, qui est la seule école du dimanche de l'ensemble de l'ex-URSS ou l'on enseigne le yiddish aux enfants.

*AF - In our Jewish community centre, we have first of all our library, a very good Jewish library, mostly in Russian, but in Yiddish, Hebrew and English as well, and we have conferences, we have films screenings, we have concerts and so on. And we also have a Sundy school for children, which is the only Sunday school in the former USSR which teaches Yiddish to the children.*

**מק – און וויפֿל מענטשן קומען אינעם צענטער ?**

**MK - Et combien de gens fréquentent votre centre ?**

***MK - And how many people are attending your centre ?***

אפֿ – אַה, גוטע פֿראַגע !... איך קען זאָגן וויפֿל לייענער מיר האָבן אין דער ביבליאָטעק. מיר האָבן אַרום 800 מענטשן וואָס קומען אין אונדזער ביבליאָטעק פֿאַר אַ יאָר. דאָס איז אַ צאָל וואָס רוקט זיך אָפּ. און צו רעדן וועגן אַנדערע אַקטיוויטעטן, אויף יעדער לעקציע קען עס זײַן צווישן 20 און 40 מענטשן.

AF - Ah, bonne question ! … Je peux vous dire combien de lecteurs viennent à notre bibliothèque. Nous avons autour de 800 personnes qui fréquentent notre bibliothèque durant l'année. C'est un nombre qu'on retrouve [d'année en année]. Et pour ce qui est des autres activités, à chaque conférence nous recevons entre 20 et 40 personnes.

*AF - Oh, good question !... I can tell you how many readers we have in the library. We have around 800 people who will come over around a year. This is our usual record. And with respect to other activities, we get from 20 to 40 people on each lecture.*

**מק – און ווער זענען די מענטשן וואָס מאַכן די לעקציעס ?**

**MK - Et qui sont les conférenciers ?**

***MK - And who are the lecturers ?***

אפֿ – מערסטנס זײַנען זיי די היגע פֿאָרשערס און לערערס און קולטור-טוערס און אַזוי ווײַטער...

AF - Ce sont principalement des chercheurs et des enseignants d'ici, des militants culturels etc.

*AF - They are mostly researchers or teachers or cultural activists from our places.*

**מק – און די לעקציעס זענען אויף רוסיש ?...**

**AF - Et les conférences se tiennent en russe ?**

***AF - And the lectures are given in Russian ?***

אפֿ – יאָ, יאָ, מערסטנס אויף רוסיש, אָבער עטלעכע, אַמאָל אַ יאָר, אָרגאַניזירן מיר אויף יידיש, אָן קיין איבערזעצונג אויף רוסיש – יידיש-לעקציע פֿאַר די וואָס פֿאַרשטיין יידיש, וואָס האָבן ליב יידיש, פֿאַר יידישיסטן.

AF - Oui, oui, en russe pour la plupart, mais nous en programmons chaque année quelques unes en yiddish, sans traduction en russe. Ce sont des conférences en yiddish pour ceux qui comprennent le yiddish, ceux qui l'aiment, pour les yiddishistes.

*AF - Yes, yes, mostly in Russian, yet we plan every year a few of them to be given in Yiddish, without any translation into Russian. These are lectures in Yiddish for those who understand Yiddish, know Yiddish, for Yiddishists...*

**מק – און איר אָרגאַניזירט אויכעט יעדעס יאָר אַ "קלעז-פֿעסט", יאָ ?**

**MK – et vous organisez aussi chaque année un « Klez-fest » (Festival Klezmer NdT), n'est-ce pas ?**

***MK – And you organise every year a «* Klez-Fest *» (Klezmer festival), right ?***

אפֿ – אַמאָל האָבן מיר אָרגאַניזירט "קלעז-פֿעסטן" אָבער צום באַדויערן זינט די לעצטע פֿינף יאָר האָבן מיר נישט גענוג געלד פֿאַר אַזאַ טײַערער אונטערנעמונג.

AF – Il y a quelques années nous organisions le « Klez-fest » mais malheureusement, depuis cinq ans nous n'avons plus assez de ressources pour un événement aussi coûteux.

*AF – A few years ago we did organise the « Klez-fest », yet unfortunately, in the past five years we had not enough funding for such a costly event.*

**מק – אָבער דאָס איז געווען במשך אַ לאַנגער צײַט ? איר האָט עס אָרגאַניזירט במשך אַ לאַנגער צײַט ...**

**MK – Mais le festival a duré longtemps... vous l'avez organisé de nombreuses années de suite.**

**MK – But the Klez-fest has taken place for a long time... You had been giving it for many years...**

אפֿ – יאָ, יאָ ! דאָס איז געווען אַ יערלעכער פּראָגראַם פֿון1997 אָן.

AF – Oui, ce fut un événement annuel à partir de 1997.

AF – Yes, it has been a yearly event from 1997.

**מק – און ווער איז געקומען אויף דער "קלעז-פֿעסט" ? די קלעזמאָרים פֿון דער גאַנצער וועלט, אָדער וואָס ?**

**MK – Et qui venait au Klez-fest ? Des musiciens klezmer du monde entier ?**

**MK – And who was attending the Klez-fest ? Klezmer musicians from around the world, or not ?**

אפֿ – מערסטנס פֿון די לענדער פֿונעם געוועזענעם ראַטנפֿאַרבאַנד אָבער פֿון דער גאָרער וועלט אויך. און די לערערס, די מענטשן וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט די מײַסטער-קלאַסעס און לעקציעס, די זײַנען געווען פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן, און פֿון מערבֿ אייראָפּע און פֿון ארץ-ישראל.

AF – La plupart venaient des pays de l'ex-URSS, mais il en venait aussi du reste du monde. Et les enseignants, qui animaient les Master Classes et les conférences, venaient des Etats-Unis, mais aussi d'Europe de l'Ouest et d'Israël.

*AF – Most of them would come from countries belonging to the former USSR but there were also some coming from the rest of the world. And the teachers, the people who would teach in the Master Classes or lecture, were from the USA, and from Western Europe and Israel as well.*

**מק – און ועמען געדענקט איר צווישן די קלעזמאָרים יעצט, הײַנט-צו-טאָג ?**

**MK – Et qui vous rappelez-vous en particulier à ce jour parmi ces artistes klezmer ?**

***MK – And whom are you remembering today  among the Klezmer artists ?***

אפֿ – זלמן מלאָטעק, אדריאָנא-חנה קופּער, עליהם השלום. אויף דעם ערשטן קלעז-פֿעסטן איז געווען נחמה ליפּשיץ..., פֿון ישׂראל, מיר האָבן געהאָט באַרימטע מענטשן.

AF – Zalmen Mlotek, Adriana-Hannah Cooper, de mémoires bénies. Lors du premier Klez-fest, nous avons accueilli Ne'hama Lifshits, venue d'Israël. Nous avons reçu des célébrités.

*AF – Zalmen Mlotek, Adriana-Hannah Cooper, blessed be their memories. At the first Klez-fest, we had Ne'hama Lifshits, from Israel. We had celebrities.*

**מק – און איר הערט זיך נאָך צו דער מוזיק הײַנט-צו-טאָג ?**

**MK – Et vous écoutez toujours cette musique aujourd'hui ?**

***MK – And are you still listening to this music today ?***

אפֿ - יאָ, פֿאַרשטייט זיך ! מיר אָרגאַניזירן דאָ פֿון צײַט  צו צײַט  ייִדיש-קאָנצערטן. צום בײַשפּיל, לעצטן נאָוועמבער האָבן מיר אָרגאַניזירט זייער אַ שיינעם קאָנצערט פֿון אַרקאַדי גענדלער, אַ ייִדישער פֿאָלק-זינגער פֿון זאַפּאָראָזשיע, פֿון אוקראַיִנע. ער איז שוין 92 יאָר אַלט, ביז 120 ! און ער איז אפֿשר דער לעצטער ייִדישער פֿאָלק-זינגער אין אונדזער טייל פֿון דער וועלט... דאָס איז געווען זייער אַ שיינער קאָנצערט, מיט אַרקאַדי גענדלער און די יונגע קלעזמאָרים. זיי זײַנען געווען זײַנע תּלמידים. דאָס איז געווען אונדזער אונטערנעמונג, דאָ אין

פּעטערבורג.

AF – Oui, bien sûr ! Nous organisons ici de temps en temps des concerts de musique juive. Ainsi, par exemple, en novembre dernier (2012 NdT), nous avons programmé un très beau concert d'Arkadi Gendler, un chanteur populaire juif originaire de Zaporojyè, en Ukraine. Il a 92 ans, jusqu'à 120 ans ! Et il est peut-être le dernier chanteur populaire juif issu de notre région du monde... C'était un très beau concert, celui d'Arkadi Gendler, accompagné de jeunes musiciens klezmer. C'étaient ses propres élèves. C'était un événement que nous avons organisé nous-mêmes, ici, à Pétersbourg.

*AF – Yes, of course I do. We organise here from time to time concerts of Jewish music. For instance, last november (NB – 2012) we organised a magnificent concert of Arkadi Gendler, a Jewish folk singer from Zaporozhie, in Ukraine. He is 92 years old now, may he live till 120 ! And he is probably the last Jewish folk singer from our part of the world... It was a beautiful concert, with Arkadi Gendler, accompanied by young klezmer musicians, his own pupils ! It was an event that we organised by ourselves here, in Petersburg.*

**מק – און צי איז דאָ, דאָרט אין פּעטערבורג, צענטערס ווו מע קען זיך לערנען ייִדיש ?**

**MK – Et y a-t-il, chez vous à St-Pétersbourg, des centres où l'on peut apprendre le yiddish ?**

**MK – And are there in St Petersburg, centres where you can learn Yiddish ?**

אפֿ – בײַ אונדז, יאָ. מיר האָבן קורסן פֿאַר די דערוואַקסענע, פֿאַר אַלע וואָס ווילן זיך לערנען ייִדיש. מיר האָבן הײַנט דרײַ ניוואָען, דריי מדרגות, פֿון די אָנהייבערס אן די אַנדערע ניוואָען.

AF – Oui, chez nous. Nous avons des cours pour adultes, pour tous ceux qui veulent apprendre le yiddish. Nous avons aujourd'hui trois niveaux : les débutants et les autres classes.

*AF – Yes, in our place. We have tuition for adults, for all people interested in learning Yiddish ? We have now three levels : beginners and other classes.*

**מק – און וויפֿל מענטשן קומען זיך לערנען ייִדיש ?**

**MK – Et combien de personnes viennent apprendre le yiddish ?**

**MK – And how many people are coming to learn Yiddish ?**

אפֿ – אַרום 30... יאָ, אַרום 30.

AF – Autour de 30 personnes, oui, autour de 30 personnes.

*AF – Around 30... yes, around 30.*

**מק - יונגע מענטשן ? אַלטע מענטשן ?**

**MK – Des jeunes ? Des vieux ?**

**MK – Young people ? Elderly people ?**

אפֿ – יאָ... מערסטנס יונגע מענטשן, פֿאַרשטייט זיך. יונגע מענטשן, מערסטנס.

AF – Nous avons principalement des jeunes, bien sûr. Oui, des jeunes, pour la plupart.

*AF – We have mostly youth, of course. Yes, youth, mostly.*

**מק – און וואָס איז די מאָטיוואַציע, זיך צו לערנען ייִדיש הײַנט-צו-טאָג ?**

**MK – Et quelle est la motivation pour apprendre le yiddish aujourd'hui ?**

***MK – And what is the motivation to learn Yiddish today ?***

אפֿ – אַ גוטע פֿראַגע ! ערסטנס, פֿאַרשיידענע מאָטיוואַציעס. עטלעכע פֿון די תּלמידים האָבן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע מאָטיוואַציע : זיי זענען לינגוויסטן, פֿילאָלאָגן, איבערזעצער. און אַנדערע האָבן אַנדערע מאָטיוואַציעס : זיי ווילן פּשוט לייענען ייִדישע ביכער, אָדער הערן ייִדישע לידער און פֿאַרשטיין די טעקסטן.  פֿאַרשיידענע מאָטיוואַציעס...

AF – Bonne question ! D'abord, il y a différentes motivations. Certains de nos élèves ont une motivation professionnelle : ils sont linguistes, philologues, traducteurs. Et d'autres élèves ont des motivations différentes : ils veulent simplement lire des livres yiddish, ou bien écouter des chansons yiddish en comprenant les textes. Il y a toutes sortes de motivations...

*AF – Good question ! First, there are many kinds motivations. Some of our pupils have a professional motivation : they are linguists, philologists, translaters... And other pupils have different motivations : they simply wish to read Yiddish books or to listen to Yiddish songs and understand their lyrics. Many kinds of motivations are there...*

**מק – וואָס פֿאַראַ טעקסטן קען מען דאָרט שטודירן ? אין דער ליטעראַטור ?**

**MK – Quels textes peut-on étudier chez vous ? Des textes littéraires ?**

**MK – What kind of texts can be studied at your place ? From the literature ?...**

אפֿ – נו, אין דער ערשטער גרופּע פֿון די אָנהייבערס לערנען זיי זיך פּשוט גראַמאַטיק און אַזוי ווײַטער, אָבער אין אַנדערע גרופּען לייענען די תּלמידים קלאַסיקער : שלום-עליכם, מענדעלע, פּרץ און אַנדערע... אין דער דריטער גרופּע (איך בין אַ תּלמיד אין דער דריטער גרופּע) לייענען מיר אָפּאַטאָשו הײַנט.

AF – Hé bien, dans le premier groupe, celui des débutants, on apprend simplement la grammaire etc. tandis que dans les autres groupes, les élèves lisent les auteurs classiques : Sholem-Aleykhem, Mendèlè, Peretz et les autres... Et dans le troisième groupe (je suis un des élèves de ce groupe), nous lisons actuellement Opatoshu.

*AF – Well, in the first group, this of the beginners, you simply learn grammar and so on... whereas in the other groups, the pupils will read classic authors :  Sholem-Aleykhem, Mendele, Peretz and the others... And in the third group (in which I am a student), we are presently reading Opatoshu.*

**מק – וואָס לייענט איר פֿון אָפּאַטאָשו הײַנט ?**

**MK – Que lisez-vous d'Opatoshu ?**

***MK – What are you reading by Opatoshu ?***

אפֿ – איינע אַ דערציילונג, נישט קיין גרעסערן ראָמאַן, אַ דערציילונג.

AF – Une nouvelle, simplement, pas un grand roman.

*AF – Just a short story, not a long novel.*

**מק – און די מענטשן וואָס לערנען זיך ייִדיש האָבן אַ מעגלעכקייט צו רעדן ייִדיש טאָג-טעגלעך, אָדער נישט ?**

MK – Et les gens qui apprennent le yiddish ont-ils l'occasion de le pratiquer quotidiennement, ou non ?

*MK – As to the people learning Yiddish, do they have opportunity to practice it on a daily basis ?*

אפֿ – ניין. טאָג-טעגלעך, אוודאי נישט. ניטאָ מיט וועמען. אָבער בשעת די לימודים רעדן זיי ייִדיש, פֿאַרשטייט זיך.

AF – Non, quotidiennement, sûrement pas. Il n'ont pas avec qui parler. Mais durant les cours, ils parlent yiddish, bien sûr.

*AF – On a daily basis, certainly not. There is noone to speak to. However, they do speak Yiddish during the lessons, yes.*

**מק – און זיי לערנען זיך מיט גרויסן חשק, זיי האָבן ליב די שפּראַך ?**

**MK – Et ils apprennent avec sérieux ? Ils aiment la langue ?**

***MK – And are they involved in their own learning ?***

אפֿ – יאָ, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך.

AF – Oui, bien sûr, bien sûr.

*AF – Yes, of course, of course they are.*

**מק – און ווי אַזוי האָט איר זיך אויסגעלערנט ייִדיש, אלכסנדר ?**

**MK – Et comment vous-même, Alexander, avez-vous appris le yiddish ?**

***MK – And how did* you *learn Yiddish, Alexander ?***

אפֿ – איך האָב זיך אויסגעלערנט ייִדיש זעלבסשטענדיק, אין די אַכציקער יאָר פֿונעם לעצטן יאָרהונדערט, כ'האָב אָנגעהויבן צו לייענען "סאָוויעטיש היימלאַנד", אין "סאָוויעטיש היימלאַנד" זענען געווען די לימודים פֿאַר די, וואָס האָבן געוואָלט זיך לערנען ייִדיש זעלבסטשטענדיק, ס'איז געווען זייער וויכטיק פֿאַר מיר. און הײַנט-צו-טאָג עס זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע מעגלעכקייטן. סע זײַנען דאָ סעמינאַרן אויף אַלע עקן וועלט פֿון ייִדיש, און דאָ

אין פּעטערבורג האָבן מיר קורסן און דאָס גיט מיר אַ מעגלעכקייט צו מאַכן מײַן ייִדיש אַ ביסעלע בעסער.

AF – J'ai appris le yiddish en autodidacte, dans les années 1980 du siècle dernier, en commençant par lire la revue « *Sovietish Heymland* » ; dans le « *Sovietish Heymland* », il y avait des cours pour ceux qui voulaient apprendre le yiddish tout seuls, et c'était très important pour moi. Aujourd'hui, il y a beaucoup plus de possibilités. Il y a des séminaires de yiddish dans tous les coins du monde, et ici à Pétersbourg nous avons des cours et cela me donne la possibilité d'améliorer quelque peu mon yiddish.

*AF – I started to learn Yiddish by myself, in the 1980s, as I read the review «* Sovyetish Heymland *» ; in the «* Sovyetish Heymland *», there were tuitions for those wishing to learn Yiddish by themselves. And it was very important to me. Nowadays, you have much more possibilities. There are seminars on Yiddish all around the world, and here in Petersburg you have tuitions and that provides me with an opportunity to improve somehow my Yiddish.*

**מק – נאָר אלכּסנדר, פֿאַרוואָס האָט איר זיך אויסגעלערנט ייִדיש ?**

**MK – Mais, Alexander, pourquoi avez-vous appris le yiddish ?**

***MK – Yet, Alexander, why did* you *learn Yiddish ?***

אפֿ – פֿאַר מיר איז דאָס געווען מײַן וועג צו ייִדישקייט. דאָס איז געווען אַ מעגלעכקייט צו מאַכן מײַן ייִדישקייט אין ראטנפֿאַרבאַנד עפּעס נאָרמאַל. איך האָב געוואָלט זײַן אַ מענטש מיט די וואָרצלען, אַ מענטש מיט זײַן אייגענער קולטור, מיט זײַן אייגענער שפּראַך...

AF – Pour moi, c'était un chemin vers le judaïsme. Il offrait la possibilité de faire de judaïsme en URSS quelque chose d'un tant soit peu normal. Je voulais être un homme ayant des racines, un homme connaissant sa propre culture, sa propre langue.

*AF – For me, it was a way towards Judaism. It allowed me to try and make my Judaism in the USSR something natural. I longed for being a man with roots, a man knowing his own culture, his own language.*

**מק – אַ שיינעם דאָנק, אלכּסנדר .**

**MK – Merci beaucoup Alexander. Many thanks, Alexander.**

אפֿ – אַ דאַנק אײַך.

AF – Merci à vous. Many thanks to you.

**Transcription et traductions par Erez Lévy le 21 janvier 2016**
**Transcription and translations by Erez Lévy (Jan. 21, 2016)**